STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03002

INDERLAYTERUNG

Chaim Krol

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אינדערלייטערונג

חיים קרול

ארויסגעגעבן
פון דער גרופע
„איגענע“

ניו־יאָרק, 1925.

דעם ליבען סימפאטישען [illegible]
[illegible] מתנה
יצחק [illegible]
Aug. 30 1925 [illegible]

מיין יונג־פאַרשטאָרבענע מאַמע,
אסתר פריידל בת שרה.

אינדערלייטערונג

ד י ל י י ד נ ד י ק ע : מאמע־געשטאַלט, זון און די לויטערקייט.

אין אן אומבאַקאַנטער שעה פון נאַכט. א ליידנדיקער, שווע־רער טונקל, פון טריבע פרויען־אויגן, הימלט אין זיך אריינגעמענ־דיק דעם רוים מיט לייכט־לייכט וויגנדיקער באַוועגונג. נישט אָפּ־צוטיילן הימל פון רוים און רוים פון ערד. פון דער נאָענט, ווי אויס א ניש, הייבט זיך עטוואָס העכער, אין דער טונקעלער טולונג, א וועג. אין איין זייט וועג, אױף א גרינלעך־שווארצן שטיין, דעם קאָפּ צווישן די הענט, אױף די קניען אראָפּגעצויגן, זיצט דער זון. אָנטקעגן, אין שוועבנדיקער האַלטונג, בליקט אין פולער רחמנות צו אים א בלייך, ווייס־פארהילט געשטאַלט. א לבנה מאַט זיך אין איר שטערן. אירע פיס זיינען אין דער טונקל פארווישט.

ז ו ן. הייבט אױף אין קאָפּ. מאמע?

מ אַ מ ע ־ ג ע ש ט אַ ל ט. דיינע. כ'בין געקומען.

דערפילט אין מיינע גלידער

האָב איך דעם צוק,

פון דיין אָנהייב אין מיר.

אין מיין האַרץ —

די ווייען פון דיין פאַלן אױף דער וועלט.

ז ו ן. ס'איז מיר קאַלט.

מ אַ מ ע ־ ג ע ש ט אַ ל ט. דער ניינאונצוואַנציקסטער שטערן, פון דיינע יאָרן, האָט זיך היינט שוין פארלאָשן. שוין ניינ־אונצוואַנציק וועלטן האָב איך, מיין קינד, דיינע, באַוויינט. און שוין ניינאונצוואַנציק מאָל האָט זיך מיין האַרץ אָפּגעשטעלט.

ז ו ן. און איך האָב געהאַט פארגעסן אָן דיר.

מ אַ מ ע ־ ג ע ש ט אַ ל ט. קיין גרעסערע פרייד איז אין מיין גערדיינקען נישטאָ. כ'האָב די הימלען דאָס ליכט פון מיינע אויגן אָפּגעגעבן פאַר גליק.

ז ו ן. און איך האָב זיך היינט דעם שטערן אָן דעם שטיין געביילט.

מ א מ ע ־ ג ע ש ט א ל ט. האָסט מיר וויי פאַרשאַפט.

ז ו ן. אַכט יאָר האָב איך דאָך נישט ד י ך גערייִנקט.

מ א מ ע ־ ג ע ש ט א ל ט. אייביק האָט אין דיינע אויגן דיין מאַמעס ליכט געשיינט.

ז ו ן. און איך האָב באַוויינט יענע יאָרן.

מ א מ ע ־ ג ע ש ט א ל ט. האָסט געזינדיקט.

ז ו ן. און געבעטן מחילה פאַר זיי.

מ א מ ע ־ ג ע ש ט א ל ט. ביזט געשטרויכלט. פירט לייכט די הענט צו די אויגן.

ז ו ן. מאַמע.

מ א מ ע ־ ג ע ש ט א ל ט. כ׳בין שטאָלץ אין דער הויכער וועלט געווען. דאָס מאַמע־ליכט אין מיין שטערן האָט געשיינט. אַלץ נענטער איז דער מהלך, פון דיר צו מיר. געוואָרן — איך האָב זיך געזען שטייגן —

ז ו ן. מאַמע.

מ א מ ע ־ ג ע ש ט א ל ט. מיין זון וועט צו מיר קומען.

ז ו ן. מאַמע, כ׳האָב זיך היינט געשטראָפט — מיין שטערן אָן דעם שטיין געשלאָגן.

מ א מ ע ־ ג ע ש ט א ל ט. און פאַרלאָשן ס׳ליכט אין מיין שטערן.

ז ו ן. מאַמע.

מ א מ ע ־ ג ע ש ט א ל ט. שטאָלץ בין איך אין דער הויכער וועלט געווען. שטערן האָבן זיך אין מיין ליכט געשפּיגלט.

ז ו ן. אויך דו — צעט אין קאָפּ אַף די קניען אַראָפּ.

מ א מ ע ־ ג ע ש ט א ל ט. אַלץ מער פאַרפינצטערסטו די הימלען. בליקט זיך אַרום. אינם ליכט פון מיין אַמאָליק יינג לייב האָבן זיך די הימלען געהילט. און מיין חלום נעצירט — דיינע נעכט געלייטערט. איצט? קוקט זיך אַרום — ס׳חערט זיך אַ טיף, שטום דערשטיקט געוויין — בליקט צום זון — דער רוים, ווי אין שרעק, נעמט זיך וויגן — אַלץ מער און מער פאַרפינצטערסטו די הימלען

טיפער, שטילער גרייכט ס׳געוויין — פירט די הענט צו די ברוסט, דריקט זיי טיף אין זיך — מיין קינד — פאַרהילט זיך מיט די הענט ס׳פּנים, בייגט קאַפּויר דעם קאָפּ, — האָסט אויך אזוי געליטן?

ז ו ן. מאַמע.

מ אַ מ ע ־ ג ע ש ט אַ ל ט. האָסט מיין דערהייבונג פאַלנדיק געמאכט. מיין גרויסן שטאָלץ — צעשטויבט. לאָזט אַראָפּ אין קאָפּ און די גרויסע שעה — פאַרשוואכט. הייננט אַראָפּ אין קאָפּ, צו זיך. געלייטערט האָבן זיך די וועלטן דעמאָלט. געטיפט האָבן זיך די הימלען דעמאָלט. און לייכט זיינען מיינע פליגל געווען.

ז ו ן. מאַמע — האָב איך —

מ אַ מ ע ־ ג ע ש ט אַ ל ט. דעמאָלט האָסטו דיין מאַמען דער־הייכט — מיט לויטערע אויגן האָסטו דאַן מ י י ן ג ע ב ו ר ט אין דער אייביקייט באַגלייט. און מיט שטאָלץ האָב איך מיינע אויגן געשלאָסן צום אייביקן ליכט.

ז ו ן. מאַמע.

מ אַ מ ע ־ ג ע ש ט אַ ל ט. און אַלץ טיפער האָבן זיך די וייטן געלייטערט.

ז ו ן. מאַמע — כ׳בין א קינד.

מ אַ מ ע ־ ג ע ש ט אַ ל ט. דיין מאַמעס — דיין שוואכער מאַמעס. לאָזט צעבראָכן הענט און קאָפּ פאַלן, בלייבט אַזוי ווי געקרייצט הייגגען.

ז ו ן צוט אין קאָפּ דערשראָקן צווישן די אָרעמס אַריין, באַהאַלט זיך אין זיך אפן שטיין איינקאָרטשנדיק.

מ אַ מ ע ־ ג ע ש ט אַ ל ט גיט, דערפילנדיק, אַ צוק — בליקט צום שטיין. דיין דערשוואכטער מאַמעס. מיינע האָפענונגען צע־בראָכן. דיין שוואכקייט פאַרגיסט מיך, ליימט מיך און — מאכט מיך אויך פאַר א קינד. ס׳הערט זיך אַ טיף פאַרשטיקטער ברום: „מאַמע" אויך איך מוז איצט שרייען: מאַמע. גלייבט זיך אויס. צעבראָכן מיינע האָפענונגען — איך מוז צו מיין זון גיין. נעמט לייכט־שוועביק, גענענען צום שטיין — דער וועג באַוועגט זיך לויט אירע באַוועגונגען, בלייבט מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אויסגעבויגן, שוועביק שטיין. — ציטערסט. — שטרעקט זיך מיטן פּנים אף צוריק, גלייך,

שוועבט אַף הינטערוווילעכס, איבערן שטיין, געשלאַנקט אויס, קלאָר — האָסטו נישט רחמנות אַף צוויי קינדער ?! שוועבט נאָך עטוואָס העכער — נישט שוואַכער מאַכנדיק דעם דערוואַרטונג־בליק.

פֿון דער טיף נעמט צוזייגהאַפֿט שפּיזן אַ גוואַלטיקע דערלייכטונג, ווי אַן ערשט געבוירענע לבנה וואָלט וואָס אירע ברעמען געשפּאָלטן, און לאַנגזאַם־לאַנגזאַם דערקלאָרט אַ געשלאַנקטע לויטערקייט.

ד י ל ו יטערקייט. מיט אַ זון און שטערן און ווי אין די געוויקלטע טוליען געבוירן און געוואַקסן, שוועבט צום שטיין.

פּלוצלונג נעמט קלאָרן און טיפֿן הינטער דער מאַמע־געשטאַלט און די לבנה און איר שטערן לייכטן. און לאַנגזאַם־לאַנגזאַם נעמט זי זיך אַף הינטערוווילעכס דערווייטערן. און נאָענט שוועבט די לויטערקייט צום שטיין.

ד י ל ו י ט ע ר ק י י ט. הילט איין שטיין אין איר ליכט — ליבער, לאָזן מיר דער מאַמען נאָכשוועבן.

ז ו ן שטרעקט לאַנגזאַם אויס זיינע הענט אַרום אין האַלז פֿון דער לויטערקייט.

ד י ל ו י ט ע ר ק י י ט פֿאַרהילט אים אין אירע טוליען און לאַנגזאַם שוועבן זיי דער מאַמע־געשטאַלט אין דער ווייטער, קלאָרער טיף נאָך.

חי׳שרה.

כ׳גיי אף מיין וועג
פאַל איך אמאָל —
שטיי איך צוריק אף
און צי ווייטער.

א.

אַזא שטילע ווייכקייט
הילט אַרום מיין גוף,
ווען איך ציטער אף
אין אַן פון דיר.
אזא שטילער מיטלייד
נעמט מיך ארום צו זיך,
ווען איך ציטער אף
אין אַן פון דיר.
אַזא קילער אָוונט
פארשלעפערט ס׳ליכט אין מיינע אויגן,
ווען איך ציטער אף
אין אַן פון דיר.

ב.

וואו ביזטו?
ווער האָט רחמנות אף מיינע מלכות־פּים —
זיי וואונדן.

וואו ביזטו ?
ווער בליקט אין מיינע אויגן־היכלען —
זיי בלוטן.
וואו ביזטו ?

ג.

זאנגען, בעט פאר איר.
פעלדער, לויבט פאר איר.
הימלען, לאכט צו איר.
שטראלן, שמייכלט איר.
שטערן, שיקט איר טוי.
נאכט, פארחלום זי.

ד.

ווייטע, ווייטע פעלדער
גריסט מיין דערלייזונג מיר.
שטילע, שטילע ווינטן
בענטשט מיין דערלייזונג מיר.
זיסע, זיסע ריחות
זאלבט מיין דערלייזונג מיר.
גוטע, גוטע בשורות
טרייסט מיין דערלייזונג מיר.

ה.

אין מיין אטעמען באוועגסטו זיך.
אין מיין הארצען גיסטו זיך.

אין מיינע אויגן לייכסטו.
אין מיין בלוט רויזסטו.

ו.

וועמען זאָל איך מיינע פּיס אַנטפּלעקן?
כ'האָב זיי היינט אין קוואַל־וואַסער דערפרישט
און זיי לויטערן לבנהק,
און דאָרשטן נאָכן ליכט פון דיינע בליקן.

ז.

יעדן מאָרגן קלאַפּן בלאָע שוואַלבן
אין מיינע פענצטער
און ברענגען מיר דיין גרוס.
יעדן מאָרגן קושן יונגע שטראַלן
מיינע שייבן
און ברענגען מיר דיין הויך.

ח.

כ'האָב געחלומט אין אַ שטיל לאַנד.
און דו — אין בלאָ געוואַנד
האָסט דעם הימל דאָרט פאַרשלעפערט,
אין דעמערונג־טול פאַרוויגט דאָס ליכט.
און צו דיינע פּיס בין איך געפאַלן,
געאָטעמט דיין דערבאַרמונג־שיין.

ט.

לבנה, לבנה —
באַהאַלט דיין פּנים:
כ׳זע מיין הויכקייט בלאָנדזשן
אין בלייכן צער —
און איך טראָג דאָ איר האַרץ.
לבנה, לבנה —
באַלייכט איר וועג:
כ׳פיל מיין הויכקייט טרערן
אין שטומען צער
און איך טראָג דאָ איר האַרץ.

י.

וואָלקן, וואָס שיינסטו פאַרטרויערט?
בייַנקסטו נאָך דיין אויפגאַנג?
ביזט דאָך מיין ברודער!
בליק אין מיינע אויגן —
זיי טרויערן ווי דו.
וויינסטו?
כ׳גלייב דיר.

יא.

אַ שטילער אומעט הייליקט מיין געדאַנק צו דיר —
אין ווייטן-ווייט.
אַ שטומער פּיין דערלייטערט מיין געפיל צו דיר —
אין ווייטן-ווייט.

יב.

כ׳לען די ברעמען צו:
כ׳פיל זיך אין וואָלקן דערהויבן,
ווען כ׳אַן פון דיר.
כ׳פרעס דעם טאָג אין מיינע אויגן,
כ׳טוליע ס׳ליכט אין מיין שויס,
ווען כ׳אַן פון דיר.

יג.

עס רופט צו דיר אַ קינד,
וואָס דערוואַכט אין מיטן נאַכט
און געפינט זיין מאַמע נישט.

יד.

ס׳וויל זיך צו קיינעם די לעפצן באַוועגן,
צו קיינעם נישט עפענען אַן אויג.
כ׳שטרעק מיינע הענט —
בלינד אין דיין שויס,
שטום אין דיין נאָענט
צו פאַלן
און לייכטער זיך וויינען דאָס האַרץ.

יה.

מיד אַזוי
זינקט דער קאָפּ

באַנג אזוי
שלאָגט דאָס האַרץ —
און וואו איז דיין שוים?
מיט אַזאַ טונקל אויג
בליקט די נאַכט.
מיט אַזאַ ווייכן הויך
וויינט די זעל —
און וואו איז דיין שוים?

יו.

אז איך דערמאָן זיך אָן דיין ריין —
איז ליב מיר ס׳בלוטן
פון די שפּיצן פינגער מיינע.
אַז איך דערמאָן זיך אָן דיין ריין —
איז ליב מיר ס׳טרערן,
פונם יאָרן־טרויער מיינעם.

יז.

אַז איך דערמאָן זיך אָן דיר —
נעמט העלן מיין נאַכט.
נעמט שיינען מיין טאָג
און לייכטן מיין אויג.
אַז איך דערמאָן זיך אָן דיר —
נעמט שווינדן די נאַכט,
נעמט קומען דער טאָג
און טרערן דאָס אויג.

יח.

כ׳קוק אין די וואָלקנס
ווייז זיך די אויגן:
אפשר קומט פון דיר אַ בליק.
אפשר פאַלט פון דיר אַ טרער.
טאָמער שיקסטו מיר אַ וואָרט.
טאָמער קומט צו מיר דיין זיפץ.

יט.

אין שאָטן,
דיר צופיסנס
האָב איך שטום
אין לעצטן טרוים גערוט.
און לייכט זענען דיינע צעפּ
צו מיר געפאַלן
און באַפייכט האָב איך
מיט טרערן זיי
און געציטערט
האָבן מיינע קניען.

כ.

ביזט אין העלע קליידער,
אין בלייכע זאָרג
געקומען מיר אַקעגן
אין מיין יאוש־נאַכט —
אין מיין בלינדן בלאָנדזשן.

שטום, שטיל אף מיין אַקסל
האָסטו דיין קאָפּ אָנגעלענט.
און שטום, שטיל צו דער ערד
זענען מיינע טרערן געפאַלן

כא.

ס'האָט די זון אַ קרוין געפלאָכטן
היינט אין יינגן פעלד.
און נאָענט,
אף וואָלקן-פליגלען,
זי צו מיין קאָפּ געשיקט.
כ'האָב אין טרערן דיינע הענט געזוכט —
זאָלסט מיך קרוינען.

כב.

קום —
שיץ מיין עתיד:
כ'זע אים פאַרשאָטנט
אונטער קרעפּע-פליגלען
פון אייביקן חשכות.
קום —
רחמנות.

כג.

דער אָוונט גענענט —
אליין אין דער שטיל

פאַרהילט מיך אַ שלייער
פון אומעט און בייַנקן —
איך וויין.
דער אָוונט געגנעט.
אַ מידע תפלה,
פון האָפן און בייַנקן,
בייגט מיינע קניען —
איך בעט.

כד.

ס׳איז אַזוי מיר ווייך באַם האַרץ אַצינד —
צום פאַרגיין.
און ס׳איז אַזוי איצט שטיל מיין טרער.
ס׳וויל אַזוי זיך זיין דיין נאָענט אַצינד —
צום פאַרגיין.
און ס׳איז אַזוי איצט שטיל מיין טרער.

כה.

ווען קראַנק צו דער ערד
כ׳בין געפאַלן,
פון בייַנקן היינט
און מיד געליטן
לאַנג מיט דיר —
האָבן וואָלקענדלעך
דערבאַרעמט זיך
און פאַרשלעפערט ס׳ליכט
אין מיינע אויגן.

כו.

כ׳דערוואַרט אַ נס.
ס׳איז די העכסטע שעה
פון מיטן נאַכט.
זע —
ס׳לאָזן זיך אַראָפּ די הימלען
נאָענט צו דעכער.
ס׳איז די הייליקסטע מינוט
פון אַנטפּלעקן.

כז.

אָנגעלענט אָן אָוונטס ברוסט —
וויין איך.
ס׳ענגט זיך נאָענט די וועלט צו מיר
און וויינט מיט.
ביידע בענקן מיר צו דיר.

כח.

ווי אַן איינציק וואָלקנדל
אין אַ טריבן אָוונט —
בלאָנדזשע איך.
ווי אַ יונגער יתום
אין אַ פרעמדער שטאָט
וואָגל איך.

כט.

ווייל זיך איצט אין וואַסער וואַרפֿן,
וואו די זון זיך שמעלצט.
אינם לעצטן שטראַלן־טאַנץ
אונזערע הערצער שטיל
מיטן לעצטן הויך
שטילן.

ל.

כ׳האָב געבעטן צו די בלומען —
צו די שוועסטער דיינע.
און געפּייכט צו מיר
האָבן דיינע שטילע אויגן.

לא.

אַזאַ מאָדנע ווייכקייט,
ווי אַ גלאַטער פלאַך
וואַלט זיך איבער מיין ברוסט געגליטשט
און מיט קילן שטראַם
מיינע אָדערן פאַרפולט,
ווען אַנען כ׳נעם
פון דיינע פּים.

לב.

אַ שטילער טרויער
דערלייטערט מיך

אַ היילִיק שווייגן
דערהייכט מיך.

לג.

כ׳האָב
אַ טאָג אַ פולן היינט
געבלאָנדזשעט בלינד
אין ליכטיקייט פון גאָט —
צי וועל איך דיך אין נאַכט אצינד געפינען?

לד.

פליגלסט אין וואָלקנס.
שפיגלסט אין תהומען.
לייכסט אין הימלען
שיינסט אין היכלען.
אומעטום שיק איך מיין בליק דיר.

לה.

בלייכסט איבער וועלט:
פאַרשלעפּערסט שפּיצן בוימער.
פאַרחלומסט דעם תכלית.
פאַרחלשסט די ערד.
פאַרנעם:
אַ לעצטן פּישטש
גיט אָפּ אַ שוואַלב —
אַ לויב דיר.

אַ תּפֿלה־פֿרייד
שיקט צו אַ קוואַל —
לויטער דיר.
בליק:
דרייסטקייט פֿעלט די שטערן
צו באַגריסן דיך.
אין זענזוכט פֿאַרבאָרגט זיך דער מעריב פֿאַר דיר.

לו.

אין סאַמעט־וואָלקן
בעט דער אָוונט אויס דעם הימל
פֿאַר מיין מידן קאָפּ.
ס'צערט מיין אויג:
ווייט איז דיין האַנט
מיין קאָפּ צוליגן.

לז.

יעדן טאָג ווערט פֿריש מיין וואונד.
מיט די ערשטע שטראַלן
טרערט זי.
מיט די לעצטע שטראַלן
בלוטיקט זי.

לח.

כ'גיי אַף די וועגן,
וואו דו האָסט געטרעטן,

אין פעסטן בטחון
אַז כ׳וועל דיך באַגעגענען.
כ׳גרים אַלע ביימער,
וואָס האָבן געשאָטנט
איבער דיין בליק.
כ׳קוש אַלע שטיינער,
וואָס האָבן געבליקט
דיר אַף די פיס.
כ׳טרער —
ס׳העלט מיר דער אָוונט :
כ׳זע דיינע אויגן
פייכטן צו מיר.

לט.

ווי מיין מאַמעס ווייסע הענט
וואָלטן מיינע אויגן צוגעלענט
און מיט זייער העל געזאַנג
מיך איינגעלוליעט.
זינק איך אפן שטיין,
וואו דו פלעגסט רוען.

מ.

ווי שווערע רעגן-טראָפּן,
פון אַ הארבסטיקן וואָלקן,
רייסן זיך אַפּ מיינע טעג.
און,

ווי די טראָפּן,
אָן שטראַל,
פֿאַלן זיי.

מא.

האָט דער הימל היינט געלאַכט
מיט בלאָע פּערל.
האָט די זון אין זיי געשפּיגלט
איר גאָלדיק גליק.
האָב איך זיי צענויפֿגעקליבן,
מיט מיינע רויטע ליפּן,
פֿאַר דיין ווייסער ברוסט.

מב.

אױף אַראָפּגעבראָכענעם צווייג
לעג איך אָן מיין קאָפּ.
— איך באַוויין אונזערע טעג
די יינגע, טויטע בלעטער.

מג.

איינע פֿון די שטילסטע שטימען ציטערט אין מיר
און בעט פֿאַר דיר.
איינע פֿון די העלסטע טרערן ציטערט אין מיר
און וויינט פֿאַר דיר.

מד.

איז דער הימל
אין בלוט באַפלעקט.
שרעק איך פאַר מיין וואָלקנדל —
ס'זאָל אין בלוט נישט אָנרירן.
שטרעק איך ברייט די הענט —
שיץ מיין האַרצנס העלקייט
און פאַרברען זיך די פינגער.

מה.

אָוונט,
פאַרהויל מיך אין דיינע געטורעמטע טורעמס.
אַזויוויאַזוי
באָד איך מיינע בליקן
אינם בלאָען סאמעט,
פון די דיקע דעקן
איבער דיינע בערג און טאָלן.
איך בין דאָך אַזוי אליין

מו.

פון צווישן מיינע הימלען
בלאָסטו.
הויכסט אין מיינע אויגן.
כ'וואַך אין מיין עתיד.

גאָלד־געלאָקטע זאַנגען
וויגן מיינע טעג.
לבנה־ווייכע רוימען
טוליען מיינע נעכט.

מז.

ס׳טויען מיינע נעכט —
רינען מיר די אויגן אוים
אין ווייטן בליק.
דערשיינסט דאַן נאָענט :
פרעסט די ליפּן
אַף מיינע אויגן־הײלן.

מח.

פילסט נישט מיינע שפּיצן פינגער,
זיי באַרירן דיינע האָר —
כ׳שטרעק די הענט צו דיר.
פילסט נישט מיינע קילע ליפּן,
זיי פרעסן דיין שטערן —
כ׳אָטעם אָפּט צו דיר.

מט.

כ׳זע דיך.
גייסט אום צווישן דערנער־בייטן —
אַ העלע.

נישט בליקסט אױף די ריסן בלוט
פון דײַנע פּיס
און מיט שטראַלנדיקע הענט
צעשיטסטו גאָלד-קערנער.
און אַז כ׳שטרעק צו דיר מײַן האַרץ,
פֿאַרנעם איך:
כ׳פֿלאַנץ די זון דיר.

נ.

כ׳זע דיך.
אין העלע װאָלקן-בערג
שװעבסטו.
רײַטסט אום אױף אַ גאָלדיק-ייִנגן לײב
מיט אַ בלאָען שאַרף אין האַנט
צו דער זון.
און אַז כ׳פֿאַל צו דיר,
פֿאַרנעם איך:
פֿאַר דײַן װעלט — און מײַן װעלט.

נא.

כ׳בלאָנדזשע אין די אָװנט-הײלן
בײַ די טיף-בלאָאיקע ברעגן
פֿון די טיף-טונקעלע טײַכן.
און אײביק װײן איך אױף די שפּורן
פֿון דײַן אײנזאַמען סילועט,
װאָס די נאַכט פֿאַרהילט.

נב.

שווער איז מיר די לאַסט
פון מיין דערוואַקסן זיין —
קאָרטשע איך
אין אַ ווינקל זיך
און בעט צו דיר:
מאַמע, מאַמע.
שרעקט מיך אַלץ,
ווי כ׳וואָלט אין פינעף יעריקן עלטער זיין,
האַלט איך די אויגן צו
און בעט צו דיר:
מאַמע, מאַמע.

נג.

אַך,
וואָס פאַר אַ טאָג האָב איך היינט!
שוין פון באַגינען
קלאָרן און גאָלדן
וואָלקן אין קרוינען
איבער מיין קאָפּ.
און,
כ׳טוליע און היל זיך —
אַ וואָלקן אין זון —
צו דיר.

נד.

מיינע טריט שוועבן
אין טיפער שטיל,
אין קלאָרער טונקל —
מיין אויג צוגלייך.
נישטאָ — מזרח, מערב.
נישטאָ — הימל, ערד —
כ׳בין אַליין מיט דיר

נה.

קלאָרט איבער מיר ס׳ליכט פון גליק
און —
איך לעב אין יענער נאַכט,
ווייט פון דיר,
אונטער אַ פייכטער בריק,
אויף אַ בערגל שליימיק מעך —
אַליין.
קלאָרט איבער מיר ס׳ליכט פון גליק
און —
איך לעב אין יענער נאַכט,
ווייט פון דיר,
צווישן אַ שטיינער־שפּאַלט,
אין אַ זאַלץ־טריפנדיקן אָרעם —
אַליין.

נו.

ווערט אַלץ אַזוי גוט.
איז אַלץ אַזוי מילד.

מאַמעס היטן זייער מילעך.
קינדער לויבן זייער געבורט.
זיידעס בענטשן זייער עלטער.
בלינדע דאַנקען זייער גורל —
ווען דו נעמסט לייכטן אין מיין טאָג,
איז אַלץ אַזוי גוט.
ווערט אַלץ אַזוי וואָר,
ס׳קושט די זון שלאַנג און טויב.
ס׳האַלזט דער טוי דאָרן און בלום.
ס׳רוט אַ פרייד אַף שטיין און האַרץ.
ס׳לאכט דאָס גליק פון אויג און נאַכט —
ווען דו נעמסט לייכטן אין מיין טאָג.

נז.

ציטערט איבער מיר דער הימל —
פאַלן בלאָע שמייכלען אין מיין בעט.
שטראַלט מיין אָרעם
טראָג איך זיך אין קלאָרקייט,
וואו —
אין שוואַנען-קרייז,
דו לויטערסט.

נח.

שפּאַרט זיך מיר ס׳האַרץ
דורך די ליפּן.
כ׳דאַרשט נאָכ׳ן טוי

פון דיינע שפּיצן־פינגער.
נישט כ׳קאָן לעשן דעם פּיין
אין מיין בלוט.

נט.

שטיל שטרעקן זיך מיינע הענט —
כ׳לויב אַלץ:
וואָס ס׳איז
און, וואָס ס׳איז געווען.
אַלץ,
וואָס האָט געהאָלפן
מיך געבוירן
און, וואָס האָט נאָר עפּעס
אין מיין דערוואַקסן.
אַלץ!
פאַרן גרויסן גליק —
פאַר מיין זיין מיט דיר אין איין צייט.

ס.

נישט געניגנדיק איז מיר היינט דער טאָג.
שוין פון באַגינען
האָב איך דערפילט
זיך אַליין —
און ווי שטיל האָב איך געוויינט.
און טיף האָב איך געפּיינט
כ׳האָב זיך אין מיין אָרעם געהילט.

אין מײנע גלידער געטוליעט.
און װי שטיל האָב איך געװײנט.
און װי טיף האָב איך געפּײנט.

סא.

אױך פון װײטן טײל איך מיט דיר מײן טאָג.
און הײנט —
װײנע שװערע, לאנגע שעהן האָב איך עס.
צי האָט גאָר די נאכט פארגעסן שלאָפן גײן
און בלאָנדזשעט עס יעצט
אזאַ שװערע אף מײן הארץ?
אַ, װײנע שװערע, לאנגע שעהן
האָב איך הײנט.

סב.

װי קאָן איך זיך באאנפערן דעם שלאָף
און זיך אָפּגעבן ס׳פארגעסן
און נישט אין דער צײט
לױבן דײן נאָמען?
אַך, װי קאָן איך—
כ׳בײם זיך די ליפּן פאר זינד.

סג.

כ׳דערװארט אזױ רואיק די נאכט —
קומסט דאָך מיט איר באנאנד.
אין פרי שױן ציטערן
די װינקלען פון מײן שטוב.

און נאָך אין העלן טאָג
מאך איך מיר ס׳געלעגער
און כ׳גיב זיך אָפּ די רו
אין שאָטן פון די ברעמען.

סד.

נישט כ׳געפין מיין געלעגער
און די גלידער בעטן אזוי רוען
און מיט מידן, שווערן קאָפּ
וויין איך.
און נישט די נאכט ווישט אוים דאָס אויג
און נישט דער שלאָף וויגט איין דאָס הארץ.

סה.

אין דיין מאַנטל — אַז כ׳היל זיך:
ווערט אלץ געהיילט.
אַלץ גענעזן.
אַ רפואה שפרייט זיך איבער אַלעם.
און מיין האַרץ גיב איך מיט ליבע אָפּ:
פאַר בלינדע אויגן — אַ שיין.
פאַר טויבע אויערן — אַ בשורה.
פאַר יתומים — אַ טרייסט.
פאַר אלמנות — א האָפענונג.

סו.

וואָס מאַכסטו מיך זען! —
די וועלט שמייכלט

אין בלאָאיקע דערוואַכונג
געלייטערט איז דער קין-שאַנד
און, ווי שעפּעלעך,
אין טויאיקע טוליען געטוליעט,
בליקט אַלץ געאומשולדט.

פ ל ע ק ן

איז מיין שכל נישט שאַרפער
ווי אַ קינדס.
און מיינע גלידער זיינען קינדעריש געוואַקסן.
דריי איך מיך אַרום מיט שרעק אין די אויגן:
אַלע זיינען גרויס, דערוואַקסן.

מיין טראַגיש פרי־פאַרשטאָרבענעם חבר
ד ו ד ז י ט מ אַ ן

לעבן,
דו האַרטער פעלז!
צעמאָלסט אונטער דיינע פיס
וועלטן.
צעשטויבסט אונטער דיינע קנעכל
דורות.
פאַלן און פאַרגייען אייביקייטן
און דו בליקסט איבער אַלעם.

ב.

הימל, דו זעסט מיינע טעג,
ווי טריי איך בלוטיק
אין זיי
פאַר מיין גאָט.

ג.

גאָט, נעם אראָפּ די לאסט פון מיינע אויגן.
באפריי מיר דעם הימל
פון די נעכט,
וואָס היינגען אף אים.

ד.

הימלען, גענענט צו מיר —
כ׳בין שוואך, מיד —
מיינע הענט פאַלן.
הימלען, הילט מיך איין —
כ׳בין נאַקעט —
מיין נשמה שווידערט.
הימלען, לייכט מיר —
ס׳ציטערט מיין ברעם —
מיין אויג איז טרוקן.

ה.

איז דיר באקאנט די שעה:
אַלע צייט-ווייזערס שטעלן זיך אָפּ.
אַלע וועלטן לעשן זיך אוים.
אַלע הימלען וויקלען זיך איין —
ווען גאָט נעמט באַקלאָגן די נשמות
פון נישט-געבוירענע קינדער?

ו.

נאַכט, נייג דיין טוך איבער מיינע אויגן,
ווי א זקנה אירע הענט
איבער א גוססדיקן.
פאַרשלעפער ס׳ליכט אין מיינע וועלטן.

ז.

קום אין מיין פינצטערניש.
אין מיין מלכות שיינט א קרעפּע־זון
און שווארצע פאלן אירע שטראלן אף מיין קאָפּ.

ח.

כ׳בין יינג אַלט געוואָרן.
און קאָן די נאכט אירע אויגן אף מיין ברוסט אויסוויינען —
אַרט מיך נישט.
און מעג דער טאָג זיינע ברעמען איביק האלטן
פארשלאָסן —
אַרט מיך נישט.
כ׳ליג אָן גליד־באוועגונג
און וועב די גראָקייט פון מיין עלטער.

ט.

צערייסן זיך הימלען איבער מיין אַש־פאַרשטויבטן קאָפּ —
פאַלן בלוטיקע שטראלן אין מיינע אויגן.

בליק איך אין דעם אָפּגרונט,
וואו מיין וועלט טרויערט.

י.

עמעץ,
אַ נישט־געזעענער פון מיר,
שטויסט גלאָז אויף מיין קאָפּ —
פאַלן מיינע טרערן צו גאָטס שטול —
וויינט גאָט מיט מיר.

יא.

אין די אייבערשטע שטאָקן
גיסט זיך זון.
אין די אונטערשטע
פליסט סם.
גענים איך פוןביידע קוואַלן:
כ׳שוועב אין זון
און כ׳אָטעם סם.

יב.

ציט זיך א קייט פון וואונדער,
פון יינגע וועלדער
און אַלטע שטעט אפן הימל.
ציטער איך פון אָרימקייט —
פאר די גרויסע וואונדער
פון איבער מיר.

דערפיל איך זיך,
אַז דאָ איז נישט קיין פּלאַץ פאַר מיר —
לאָז איך זיך מיט די וועלדער
אין שטעט אַוועק.

יג.

די לבנה איז אַרויס ווי א זילבערנע הירשין,
גלאַט פאַרקעמט איר קאָפּ,
אפּן שטילן הימל.
און הינטן, אַף דער ערד,
האָט געווימלט און גערעשט.
און נישט קיינער האָט געוואָרפן א בליק
צו די זילבערנע הירשין איבער אונז.

יד.

איידער כ׳וועל דעם אומבאוואוסטן א ל אָפּגעבן די נשמה
וואָלט איך מיר אויסגעבעטן:
ער זאָל זי מיר,
די נשמה,
פאַרברענען אַף אַש
און דעם אַש-שטויב שיטן
בא יעדן אויפגאנג
און זון-אונטערגאנג
אַף די פלאכן פון ים.
נאָר נישט הייסן זאָל איך
בא מיין פאָלק
טיטוס הרשע.

יה.

כ׳בליק צו די ציגל־ווענט
און פרעג בא זיי מיין ענד —
דעם פותר פון ליגן אין דער אייביקייט.
פאלט די זון אָן מיט ליכט און שטראַלן
אף די ציגל, אף די מויערן —
ווערט מיין פראַגע פאַרווישט, צעשוואומען
מיטן שטויב אף די ווענט.

יו.

גייסט אין גאַס אַ פרעמדער.
פרעמד איז דיר דיין היים —
און אפשר האָסטו גאָר קיין היים —
אַלץ איז דיר אזוי נישט אייגן.
נאָר פלוצלינג טוליעט
צווישן דיינע פיס
אַ הונט זיין ווייסן קאָפּ,
און דיר ווערט אַזוי גוט :
אַלץ ווערט דיר ליב,
אייגן
און נאָענט.

יז.

ס׳וויל זיך אין אַ זאַק פעדערן
אויסציען די הענט
און שלאָפן, שלאָפן.

צופיסנס דער וועלט,
אָן שיין אין אויג,
ווײל זיך ליגן, ליגן.
אפילו,
ווען איבער דיר זאָל אַריבערשווײנקען דער ים,
ווײל זיך רוען, רוען.

יח.

כ'בין געשטאַנען אין פעלד
מיט אַ שטיין אין האַנט.
וועמען זאָל איך אים וואַרפן,
האָב איך זיך געפרעגט,
צי צו דעם גראָען פויגל,
צי צו דער דאַרער צווייג
פונם בוים דערנעבן?
און געוואָרפן האָב איך אים איבער זיך.

יט.

די זון קרײַזט אַרום מײַן טאָג.
און מײַן טאָג גייט מיר פאַרלוירן,
ווי אַ טראָפּל טוי אין זאַמדיקער ערד —
אַלץ גייט מיר פאַרלוירן:
מײַן פרי.
מײַן מיטיק.
מײַן אָוונט.

כ.

קלאָרער הארבסט אָטעמט אין מיין צימער
און איך בין קעגן אים אַזוי שוואַך,
אַז מיר איז אַ שאָד די בלאַסע זון־פלעקן,
פון מיינע ווענט.
און איך טוליע זיך, ווי א קינד,
אינם קילן גאָלד
פון דער בלאַסער זון.

כא.

נישט כ׳באדויער איצט די וואונדן
פון מיין אייטערדיקן עבר:
כ׳ווייס, ווי מאָרגן האָט געמוזט מיין נאַכטן
טרערן, בלוטן —
אַ, זיכערע מינוט!
נישט כ׳באקלאָג איצט די גרוילן
פון מיין שרעקנדיקן עתיד:
כ׳ווייס, ווי איצטער וועט מיין שפּעטער
טרערן, בלוטן —
אַ, זיכערע מינוט!

כב.

אין פליגלדיקן קרייז
יאָגט זיך מיין טאָג,
נאָך איידער ס׳ווערט נאַכט,

צום פארגיין.
און לאָזט איבער זיין שאָטן,
ווי אַ געשפּענצט,
ארום מיין קאָפּ.

כג.

ווי אַ נאַקעטער פויגל
טוליע איך זיך
צו מיין לייב
און בעט צו דיר.
זע, ווי אָרים איך בין:
דרויסן ווייעט קיין קעלט —
און מיר איז אַזוי קאַלט.
דרויסן שיינט אַ ליכט —
און מיר איז אַזוי טריב.
זע, ווי אָרים איך בין.

כד.

הייבט זיך אָפּ די לבנה
אַ שווערע פון איר געלעגער
און גענעצט אָפּ דער וועלט.
ווערט געלזיכטיק
ס'פּנים פון דער ערד.
און ס'בליקן טריב
די אויגן פון דער נאכט.

כה.

כ׳בין א בעסערער פון מיין דור
ווי וויוועך.
דעריבער,
קני מיט מיר אין דערפורכט —
פאַר מיין דערהייבונג,
ווייל —
כ׳בין א בעסערער פון מיין דור.
כ׳בין א בעסערער פון מיין דור
ווי וויוועך
דעריבער,
לויב מיט מיר,
פאַר דער מינוט,
וואָס האָט מיין גורל באשטימט,
ווייל —
כ׳בין א בעסערער פון מיין דור.

כו.

נאָך לאנגן מאטערניש
שטרעק איך צו דיר ווידער מיינע הענט —
איין בליק פון דיין הויכן זיץ
וועט מיר פארגאָלדן די וועגן,
די אָבלדיקע מיינע.

כז.

זעסטו מאָן און פרוי זיך קושן —
האַלט איין אין אָטעם —

נישט שטער דעם הייליקן ריטואַל.
און בוק זיך דריי מאָל
פאַר די קדושהדיקע מינוט,
וואָס איז אױף דיר אויסגעפאלן.

כח.

נעכט פלאקערן.
הייליקע, גרויסע נעכט,
פון פאָלקס גלויבן
און פאָלקס צאָרן.
און פון שייטערס גייט אױף דער אָפּער,
פאַר פאַרגעבונג און מחילה.
און עס קנוילן זיך די פלאַקערס
צום האַרץ פון הימל
ביזקל דאָס הימל־האַרץ פלאַצט.
גיסט זיך דאָס הייליקע בלוט
אױף בענטשער און פליבער.

כט.

ווייזט זיך מיר א שאָטן אפן וואַנט —
אַ פּנים.
זאָגט זיך מיר א געדאַנק:
דאָס עכטע איז אַזוי דויערהאפט ווי דאָס.
שווער איך בא מיין הייליקטום,
ס׳איז אַ ליגן!
לאַכט דער שאָטן:
קינד, ביזט א קינד.

לויף איך מיט מיין קינדערשקייט
אין וויסטע וועלדער
ביבען די ביימער:
קינד, ביזט א קינד.

ל.

פלאָנטערן זיך מיר
מיינע שעהן בא די פיס,
באַפאַלט מיך א רחמנות
צו די יינגע חנעוודיקע לעבנס,
וואָס ווערן גענזיקט
פון מיינע טריט.
קלייב איך זיי אף הינקנדיקע
אין מיין לעבן.

לא.

נאַכט, קום —
דו, אויסלייזונג פון מיין פיין.
איך שטרעק דיר אַקעגן די הענט:
שוין וואַרט איך אף דיר א פולן טאָג
אין מיין ליידן.
קום, פאַרגים מיינע אויגן.
ליים ס׳ליכט אין מיין זען.
און לאָמיך אף דיין האַרץ פאַלן.

לב.

האָסט אָנגעצונדן מיינע וועלטן —
פלאַקערן מיינע הימלען,

בין איך,
צווישן זיי,
אַן אייביקער סנה.

לג.

כ׳האָב נאַכטן, אין א נישט אויסגעזונגען געזאַנג, געבעטן:
נאַכט, פאַרצי מיינע אויגן.
ס׳בלוט מיינס גליווערט אַף די שטיינער.
שוין הייגען מיינע אויגן אַף צוויי פאַרזשאַווערטע נעגל
פון איבער מיר.

לד.

אַן אייביקער שאָטן ליגט אַף מיר
און לאָזט מיר די זון נישט צו.

לה.

מיט מאַסטן מידע
זינק איך אינם ים פון מיין עלנט.
און מיט רייכלעך צעשוואומענע
שפּאַציר איך אינם שפּעטער פון מיין הארבסט.
זיינען זיי נאָענט מיר,
מיין עלנט, מיין הארבסט —
ליב איך זיי.

לו.

עס בלייכט אין טרויער
מיין נע־ונדער הוז,
ווי די בלוט־אָרימע באקן
פון אַ קראַנק קינד.
און נישט כ'קאָן אים דערוואַרימען
מיט מיין אייגן בלוט.

לז.

ס'ציען וואָלקן איבער מיין קאָפּ
און שפּריצן מילעך אין מיינע פארשלאָפענע אויגן.
וואָך איך אינם קלאָרקייט:
די הימלען גיסן מילעך
אף די לעכצנדיקע פעלדער.

לח.

ברעט,
מיין איינציק ברעט,
אף וועלכן מיין גוף וועט אמאָל רוען
און מיט דיר באנאנד
אין דער אייביקייט פאַרגיין.
דו מוזט איצט בליען, ווי איך,
אין דיין מאמען — אַ בוים.
צו דו שפּראָצסט ערשט צווישן דיינע ברידער
אין אַ גרינעם וואלד.
דו, מיין אייביקייט־שותף,
אונז ביידע דערווארט איין גורל.

לט.

כ׳בייל די פויסטן
צו זיך זעלבער —
כ׳פיר א משפט איבער זיך:
וואָס האָסטו אויפגעטאָן
אין די יאָרן, דריי צענדליק,
פון דיין לעבן?
שוין גראָען דיינע שלייפן
און ס׳נאַקעט זיך דיין מח.
וואו האָסטו דעם בנין עדי־עד
פון דיין לעבן?

מ.

שטיל,
ווי אף דעכער פון הייזער הויכע,
איז מיין מלכות.
אין דער שטילקייט
קלייד איך זיך אָן.
מיין קרוין איז שטילקייט.
מיין סצעפטער איז שטילקייט.
מיין טראָן איז שטילקייט.

מא.

כ׳פריי זיך.
כ׳זע אף מיין שוועל טאַנצן יינגע פיסלעך —
ס׳גייט אף, אין מיין טרוים, דער זוימען
פון מיין געבורט.

און איך זע זיך
אין א יינג מלאכל
מיט גאָלדענע לעקעלעך
און פּוכיקע הענטעלעך.

מב.

פליען טויבן איבער מיין קאָפּ —
ווייסע אָפּפערס
פאַר די זינד פון מזבח —
וועלט.
פאַלן ווייסע פעדערלעך
אף מיינע אויגן
און פאַרהילן מיך אין אומשולד.
דערבליק איך די וועלט
נאָך אין איר בתולהשן העמד
אַ ריינע.

מג.

מיט לעצטע וואָלקנדלעך
גיי איך אַ שפּאַציר
אין לאַנד פון מיין התבודדות.
דאָרט זע איך :
שטילע הימלען,
ווייסע ברעגן,
קלאָרע ימען.

מד.

שאָטנס שלעפֿן מיך איין.
שאַ —
לענען זיי מײַנע אויגן צו.
שטיל —
גלעטן זיי מײַנע האָר.
און גליטשן זיך אין מיר אַרײַן
מיט אַ שטום געוויין.

מה.

אַלע טויערן — אָפֿן.
אַלע הימלען — פֿרײַ.
ענג איז מיר פֿאַר פֿרייד!
קײַקל איך זיך
אין תהומישן גליק.
וואַרף איך זיך
צו זון־אויפֿגענג.
און איך שפּיל
מײַן מינוט.

מו.

זײַנען אַזוי שווער די ברעמען מיר,
ווי אומבאַקאַנטע נעכט וואָלטן אויף זיי הייגגען —
לאָז איך זיי פֿאַלן אויף די וועלטן,
אויף די לעשנדיקע פֿון מײַן זעל.
נעם איך זינקען אין אומבאַוואוסטענישן
פֿון אָן מאָרגן און אָן נאַכטן.

מז.

היינג איך אף א שפּינוועבפּאָדעם —
וויקל איך זיך אין טיכער —
כ'וויל זיך פאַרלירן —
רייסט זיך דער פאָדעם נישט איבער —
צאַפּל איך ווי אַ פליג געפאַנגען.

מח.

גייסט אום אַ באַליידיקטער —
בלוטיקט דיין האַרץ.
ליגט דיר די וועלט צופיסנס —
באַפלעקסטו אַלץ מיט בלוט.
אין בלוט בראָזשן דיינע הענט,
דיינע אויגן —
וועלט און מענטש
איז אַ שטיק בלוט דאָן.

אַ טויט קינד.

ליגט פאַר מיר אַ קינד,
אָן אָטעם, רואיק —
באַוויינען מיינע יאָרן עס.
באַקלאָגן מיינע טרערן עס.
ליגט פאַר מיר אַ קינד,
אָן אָטעם, רואיק —
בליט אין טונקל אַ טרוים —

אַ הימל פון הערצער צוויי,
וואָס האָבן אָנהייב וועלט דערבליקט.
ליגט פאַר מיר אַ קינד,
אָן אָטעם, רואיק —
רייסט זיך די האָר אַ זעל,
אין שפּעטער פון מיין זען,
אַז בלינד מיר בלוטן זיך די אויגן.

די קראָ צום שניי.

כ'פלי דעם שניי אנטקעגן —
מיין ווייסע כלה.
העי, שניי,
דיין נאַקן איז ווייסער,
ווי דער שוים פון ים.
און קלאָרער,
ווי פון וואָלקן אין זון.
פלי מיר אַקעגן,
בלענדיק האַרץ —
אין צווייען פליט זיך שטייפער,
רונדער,
הייסער.
אַט אַזוי,
נייג דיין האַלז דיין ווייסן
צו מיין קאָפּ דעם שווארצן,
וועל איך דיך פאַרוויגן
אינם שטילן דרימל,
אינם שטילן שלאָף.

אין דער וואונדערצייט.

כ׳שווינדל אין דער וואונדער־צייט.
כ׳קוק אף דעם גאָלד,
וואָס באפלאסטערט די וועגן —
זונען, זונען שטראלן פון דר׳ערד.
און די מענטשן —
לאַנג־פּנימדיקע,
בלייך־אויגיקע,
די היטן קרום אף די גרויסע קעפּ,
די כאַלאַטן אָפּן אף די ביינערדיקע גופן —
בלאָנדזשן.
און אָט וואַרפן זיי זיך
(ווער ווייסט צום וויפלטן מאָל)
צו די אָנגעוואָרפענע קופּעס גאָלד
און
(ווער ווייסט צום וויפלטן מאָל)
צעוואַרפן זיי אפּדאָסניי
און זוכן, זוכן א שטיין.
אָבער
אומזיסט, אומזיסט —
ס׳בלוטן נאָר די שפּיצן פינגער זייערע.

צווישן מיינע שטערן.

ווי אַ קרייַנקלעכע פליג
אין משוגעת
פון אירע לעצטע מינוטן —
פויזע איך אפן ברעג
פון אייביקן ווערן.

א.

אף די פלאכן פון מיין נשמה
שווימט א ווינט אין פולסטן גאלאָפּ.
גליווערט ס׳בלוט אין מיין הארץ. — — —
אין חושך אין פלוצלינגן
שיינט פון מיינע אויגן גאָטס גליק.

ב.

דער קלאָרער, ווייסער לייב
פון אַ נאַקעטן עפל
ווערט באלד געעלטערט.
מיין טאָג —
באם ערשטן ליכט —
געטויט.

ג.

די זון איז איצט אַ שוועסטער מיר:
אַ בלאַסע הילט זי זיך
און קראַנקע פאלן אירע בליקן.

ד.

אייביקייט —
כ׳בין געלייטערט,
דערהייכט.
רואיק שלאָגט מיין הארץ.
קלאָר בליקט מיין אויג —
כ׳וואָרט.

ה.

כ׳לען צו מיינע אויגן —
זיי זעען ווייט און —
גאָרנישט.
וועלטן — נישט געבוירענע,
קוילערן זיך פאר זייערע ברעמען.
הימלען — נישט דערפארטיקטע,
ציען זיך פאר זייערע בליקן.
און זונען — פאַר וועלטן שפעטערע,
שפיגלען זיך אין זייערע טיפן.
לען צו מיינע אויגן —
כ׳זע פיל און —
גאָרנישט.

ו.

דער אָוונט ציט דורך מיינע ברעמען
און באזעצט זיך אין מיינע אויגן.
און —

ווען נאָך קיין שטערן פאַלט אַף די וועלטן —
געזונקען ליגט שוין לאַנג מיין קאָפּ.

ז.

הילט מיך אַרום אַ שרעק —
אין מיטן טאָג,
אין העלן ליכט.
אַ פינצטער פלעק
טרעט צו צום האַרץ —
פאַרלעשט די וועלטן,
די הימלען שוואַרץ:
ביזט אַליין, אַליין —
אויך מאָרגן, אייביק וועט אַזוי זיין.

ח.

שוין טעג און טעג
מיידט דער מאָרגן מיין שטוב —
טרערט מיין האַרץ אַף די ווענט,
וואָס ליידן צוליב מיר.
זוך איך אויס די טעג,
ווען אין מיין שטוב איז אַזויפיל ליכט געווען,
און הייננ זיי אויס
אַף די אומשולדיקע,
אַף די מיטליידנדיקע.

ט.

נישט דו ביזט שולדיק —
נישט קיינער.

ווען איך בין געבוירן אין אַ ליידנדיקע שעה.
געפאַלן אַף אַ ליידנדיקע וועלט.
געוויגט אין אַ ליידנדיקע וויג.
נישט קיינער איז שולדיק
און אויך נישט דו.

י.

די ווייען פון מיין בלוט
פאַרטרוי איך די לעצטע מינוטן פון נאַכט,
וואָס שטאַרבן אַפן שוים
פון מיין שאָטן.
און דעם צער פון מיינע גלידער
וויין איך אוים די לעצטע רגעם —
די פאַרעלנטע —
וואָס בלאָנדזשן אין חשכות
אָפגעריסן פון זייער מאַמען — טאָג.

יא.

פריינדין.
שוועסטער־נאַכט.
ווי טריי גלעטסטו מיין דערשראָקענעם שטערן.
און ווי גוט הויכסטו אין מיינע אָפענע אויגן.
טרייע.
גוטע.
מאַמע. — —
ווער האָט עס מיר אין האַרץ געפּליסטערט ·
מאַמעס לעשן זיך די אויגן,
פאַר זייערע קינדערס טרערן.

און וועלטן פארגיין
פאַר מאַמעס צער. — —
שוועסטער,
שרעקסט זיך נישט פאַר דעם,
וואָס בלאַנדזשעט אין אייביקן בלוט
פון הייליקן געבורט?

יב.

רויטע צעגליטע וויין־רויזן
צינדט דער אָוונט אין מיר.
וועל איך די נאכט דערהייכט זיין?
וועסטו דיינע פּיס,
ווי געטובלטע שעפסעלעך,
פאַר מיינע ליפּן לייגן?
טרייע —
לעשן וועט זיך דאָן
דער זיבן הימלדיקער חושך
איבער מיינע אַקסלען.

יג.

בלייכט דער טאָג.
נישט כ׳הייב אַף די אויגן
צום וואונדער —
די נאַכט איז וואונדערדיקער.
אין די טיפן פון אירע נישן
אָטעמט מיין שטילקייט.

אין די ווייטן פון אירע אומענדן
קרייזט מיין ווערן.
אין די הייכן פון אירע ליכטער
שוועבט מיין זיין.

יד.

אף די מדרגות-שטאפלען פון מיין שטערן
שטראַלט ס׳גאָלד פון מיין דערלייטערונג —
איך זע זיך אף דער שטייגונג-לייטער
פון גרויסן שפעטער —
פון דערהייכונג. — —
שטיין וועלן אלע געבוקט
פאַר זייער אייגן גרויסקייט.

יה.
נישט קיינעם, נישט קיינעם
דערצייל פון דיין הארצן —
פון היכל פון גאָט. — —
פאַרוויסט וואָגלט דאן שדי
מיט אויגן אָן ליכט.

יו.

כ׳האָב היינט געפרעגט
מיינע פריינט —
דריי פארחלבטע פלעשלעך.

אין וועלכע כ׳צינד די ליכטער
פון מיין געמיט —
ווער בין איך?
און די פלעמער אין זייערע מיילער
האָבן זיך פאַרלאָשן.

יז.

וואונדער.
סוד פון נישט־באוואוסטן.
ספינקס!
שוין לעשן זיך די שטראלן אין מיין בלוט
און ס׳שטארבט די זון איבער מיין קאָפּ.
שיין אָפּ.
איך לאָז פאלן דעם שדי־מאנטל
און גיי צו דיר.

יח.

די נאכט זעצט זיך אָפּ מיינע חורבות —
אָפּ מיינע יאָרן.
איר צופיסנס שלייך איך
צווישן די הייפנס אַש,
וואָס דער ווינט פארשלינגט.

יט.

אַ ביינערנע האנט
לאנגט מיר יעדע נאכט דעם שלאָפלעפל

אף מיינע ליפּן
פירט זי אירע קאַלטע
פינגער־ציינער —
טריק איך אוים די אַפּלען מיינע
מיט אַ צעשפּאָלטענער צונג.

כ.

גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך אַזויפיל געפּרואווט.
מיך, אַ קינד אָן מאַמען.
שוין אַזוי גיך
דעם מאָרגן פון מיין טאָג פאַרלאָשן.
איך שרעק זיך
פאַר זיך.
איך האָב נאָך נישט
דעם מאָרגנס טוי געטרונקען
און שוין רעגנט אף מיין קאָפּ
דעם אָוונטס עלטער.
גאָט.

פון מיר און ארום.

כ'לאָז מיינע אוצרות־קאסטנס,
אומאויסגעלאָדענע,
אין ים פאַלן —
זינקען זיי צום גרונט.
דריי איך זיך אַרום אַרים
און בייני נאָך מיינע אוצרות.

א.

ליגן מיר נאָך אלע אין די בעטן —
און דעם שכנס זייגער קלינגט שוין איינס
נאָר, וואָס האָבן מיר צו פארשפּעטיקן,
האָלץ — אפילו א שפּענדל — איז נישט פאַראַן צום אייוול.
שאָט, דער פראָסט נעמט רירן פון די שייבן.
אַך, די זון גאָר שמייכלט עס אין אונזער פענצטער!
ציילן מיר די ביימער און די צווייגן, וואָס זיך שמעלצן
און פאַרגעסן אָנם טאָג אין אונזערן.
אַך, דעם שכנס זייגער!
פאַרוואָס האָלט ער זיך נישט איין? — —
אונזערע אָטעמס, ווי זיי פילן, שטילן מיט מיט אונז —
ווי מיר וואָלטן גאָרנישט לעבן מער. — —
ווערט אונז קיל אין די אויגן אונזערע:
ציען מיר די קאָלדרע איבער די קעפּ,
טוליען זיך, ווי אין א מאַמעס בויך.

ב.

וויל גאָרנישט בא אונז אין שטיבל ליכטיק ווערן:

ווייסן מיר נישט, צי עס הייבט אָן טאָגן,

צי עס ווערט ערשט נאַכט.

נישט מיר גערייינקען: זיינען מיר געשלאָפן?

ליגן מיר באגראָבן —

פילן גאָרנישט, צי מיר לעבן.

נעמען טריבע, ברודיק-געלבע, פּאַסן דרינגען

דורך די דיקע שניי-פאַראייזטע שייבן-ווענטלעך

און פאַרהילן אונזערע וועקס-געזיכטער,

ווי מיט אַלטע שטיקער וואַטע

פון קראַנקע העלזער.

דערפילן מיר זיך:

קריגן מורא איינער פאַרן אנדערן.

זעען זיך פאַרעלנט —

טויבן אָפּ אין זיך דאָס זעען און דאָס געהער.

ג.

עס גענעצט דער מאָרגן אין קריינקלעכן דרימל

מיט נעפּל און אומעט אָף וועלט און נשמה.

די מויערן טריבן מיט טרערן מיט בלינדע

און זייג-קינדער ווייינען בא טרוקענע בריסטן.

און ס'שלייכן זיך מענטשן אין שאָטנס געוויקלט —

פאַרשאָלטענע מתים פון אָפענע גריבער. — —

איך ליג אין מיין בעט נאַר —

געבענטשט און פאַרשאָלטן —

פון טויט און פון לעבן —

אין אייביקן יאוש.

ז.

איך טאַפּ מיט בלינדע אויגן
און צעבלוטע פינגער
אין מיין וועלט —
ניין:
איך בלאָנדזשע אף א פרעמדן שטערן.
איך ווייס נישט:
אינם העלסטן מיטן טאָג
ווערט מיר טונקל.
אין דער פריילעכסטער מינוט —
פלוצלינג טרויעריק.
איך ווייס נישט:
טיילמאָל בין איך אַ טאַנצנדיקער
שטראַל.
טיילמאָל ווער איך אַ צופאַלנדיקע
נאַכט.
איך ווייס נישט:
איך טאַפּ מיט בלינדע אויגן
און צעבלוטע פינגער
אין מיין וועלט —
ניין:
איך בלאָנדזשע אף אַ פרעמדן שטערן.

ח.

טונקל די שטוב,
פינצטער דאָס אויג —
בליקן פאַרטרויט עלנט און איינזאַם.

שטרעקן זיך הענט —
אַרעמען דעם עלנט.
וויינען די ווענט —
הילן דעם איינזאַם.

ו.

גיי איך אום מיט הונגער־וואונדן —
און איך האָב זיך נישט אין זין.
טריקנט ס'פלייש מיר אויף די ביינער —
און איך האָב זיך נישט אין זין.
שטאַרצט מיר שוין אַ מום פון פלייצע —
און איך האָב זיך נישט אין זין.
שרעקט שגעון מיך פון די אויגן —
און איך האָב זיך נישט אין זין.

ז.

יעדן מאָרגן פיל איך טויט —
די אייביקייט : דעם גורל.
כ'זע פאַר זיך אַ פריש געגראָבן גרוב —
צו פאַרגעסן מיך.
און נישט ס'קומען יוגנט־פריינט :
טרוים און גלויבן —
טרייסטן.
יעדן מאָרגן פיל איך יאוש —
די אייביקייט : דער שיקזאַל.
כ'זע זיך עלנט־נאַקעט.
פיין־שווער שטיקט דאָס ליכט.

און נישט ס'קומען יוגנט־פרייד:
ליבע, טרערן —
טרייסטן.

ח.

וואו איז מיין דערלייזונג?
ווער טראָגט זי מיר?
וואו, אף וועלכע פליגלען
שוועבט זי?
וואוהין מיינע הענט אויסשטרעקן —
זי צו דערלאנגען?
וואוהין מיינע בליקן ווענדן —
זי צו דערבליקן.
מזרח,
דו, ליכט־בשורה־ברייגנער!
היל מיך איין אין מאָרגן־טול
פון דיין דערוואכונג־בעט.
מערב,
דו, רויזן־טרוימען־שפינער!
פאַרבאָרג מיך אין די מנוחה־פאַלבן
פון דיין פורפור־מאַנטל —
וואו איז מיין דערלייזונג?

ט.

אין די איינזאמע מינוטן מיינע,
ווען גאָטס שאָטן נעמט רוען איבער וועלט

און אַ שטילע, הייליקע קדושה
ווייעט שוועביק צו דער ערד —
פֿאַל איך שטום מיט יראה, מיט ציטער,
טיף־פֿאַרגלייזט די אויגן —
וויין, און וויין מיר שטיל.
אין די איינזאמע מינוטן מיינע,
ווען גאָטס הויך נעמט שטילן איבער וועלט
און אַ שיין פֿון נברא און אַנטפּלעקונג
שוועבט אין חלול איבער ערד —
פֿאַל איך בלינד אף מיינע קניען
און פֿאַרגעס מיין זיין —
קוש, און קוש די ערד.

י.

ווען אין מיטן נאַכט הינט היילן,
צי איך איבערן קאָפּ די דעק,
טייב אין מיר אָפּ ס׳געהער,
דערשטיק מיין אָטעם —
כ׳וויל דאָן שטאַרבן, שטאַרבן.
ווען אין מיטן נאַכט הינט קלאָגן,
שטרעק איך טיף מיין קאָפּ אין דער וועלט,
שפּיץ ס׳געהער מיט טיפן בליק :
פֿאַרנעם דעם יאוש —
דעם עלנט פון גאָט און בריאה —
כ׳וויל דאָן שטאַרבן, שטאַרבן.

יא.

אָ, גאָט פֿאַרנעם דעם שטרעק
פֿון מײַנע מידע הענט.
אָ, גאָט פֿאַרנעם ס'פֿאַרגלייז
פֿון מײַן פֿאַרלאָשן אויג.
אָ, גאָט פֿאַרנעם דעם צוק
פֿון מײַן פֿאַרבלייכטע ליפּ.
אָ, גאָט פֿאַרנעם דעם בלענד
פֿון מײַן באַפֿייכטע ברעם.

מיינע הענגל־גערטנער.

ס'האָט ווער די טיר פון מיין לעבן פארשלאָסן
און מיר דעם שליסל נישט איבערגעגעבן.
דריי איך זיך אַרום פאַרווירט
און געפין נישט דעם צוגאַנג צו מיין לעבן.

א.

שאַ, דער טויט גייט.
אַ שוואַרצע קאַפּוצינערין ציט דורכן פּאַרק
און דער טויט שלעפט זיך בא די פאַלבן פון איר קלייד.
ער,
דער טויט,
בריזגעט אַף דר'ערד,
קלאַפּט זיך דעם געשוואָלענעם קאָפּ אָן די שטיינער
און גיסט מיט טרערן.
און זי,
די קאַפּוצינערין,
שפּאַרט איר קאָפּ אָן די הימלען
און פאַרשפּרייט ליכט אַף דער ערד.

ב.

זאָל דיר וואויל באקומען, זיידעניו,
דיין מאָלצייט —
דיין אַלט ברויט מיטן אַלטן וויין.

ווי שיין
דיינע אַלטע, אַנציינערדיקע זשאַנסלעם
קייען, מיט זאַפט, דאָס דאַרע ברויט,
ווי יינג-בחורישע ציינער —
ווי שיין.
ווי בנעימות,
אָן קרים,
דו טרינקסט אים,
דעם ביטערן, אַלטן וויין.
זיידעניו,
בענטש מיך:
כ'זאָל אויך די זכיה האָבן
צו פאַרטרינקען דורות
מיט אַלטן וויין.

ג.

טויט, וועסט צו מיר קומען ווי צו אַ ברודער —
אַ לאַנג נישט-געזעענעם.
איך וועל מיך פאַר דיר גאָרנישט שרעקן.
איך וועל מיינע הענט אַראָפּלאָזן
און דיר פאַלן אין דיינע אָרעמס אַריין. —
אַ יאָ?
איך וועל מיינע געדאַנקען,
איבער וועלט,
אפּהייבן
און מיט זיי

זיך אַליין
אפּהייבן, אפּהייבן.
און לייכט וועלן מיר שוועבן
אין רוימס
איבערוועלטיקע.
און פאַלן
מיט צוזאַמענבאַהאַפטענע ליפּן.

ד.

פאַרשקלאַפטער.
גנבעסט דיין ביסן אין מויל אריין.
שטאָלץ שלינג דיין ברויט,
ווי דער וואָלקן טרינקט זיין וואַסער,
ווי די ערד — די זונען שטראַלן.
עס איז,
דיין רייך ברויט,
מיטן שווייס פון דיין פּנים —
דורכגענעצט.
מיטן בלוט פון דיין האַרצן —
דורכגעקאָכט.
מיטן מאַרך פון דיינע ביינער —
דורכגעקנעטן.
מיט די טרערן פון דיינע אויגן —
דורכגעזאַפּט.

ה.

מיידל,
ווי קינסטלעריש דו העקלסט.

פון אונטער דיינע פינגער
שפּרינגען אַרויס
טורעמס און היגלען.
דו האַלסט אין האַנט אַ נאַכט-העמד —
ניין —
אַ שטיק צפון-הימל האַלסטו אין האַנט!
און קריצט אַף אים
ס'רעטעניש פון לעבן.

ו.

פאַר מיין בעט
שפּרייטן זיך הימלען
אין רעגנבויגנס געגאַרטלט
און הילן איין
מיך אין מיין נזירות.
און דאַן —
אַלץ מער באַשאַף איך הימלען,
וואָס פאַרשפּרייטן זיך אַף וועלטן פאַרבאַרגענע.
און איך אין מיין נזירות
שטייגן
איבער די הימלען,
איבער די וועלטן.

ז.

כ'האָב געחלומט פון וויין און פון ווייבער
בין איך אָנגעקומען אין לאַנד פון אופיר.

האָב איך דערזען גאָלדענע געצינס
און גאָלדענע קריגן
האָב איך געשטרעקט מיינע ליפּן
צו די גאָלדענע געצינס —
זיינען זיי פאַרשטאַרט געוואָרן.
האָב איך געצויגן מיין האַלז
צו די גאָלדענע קריגן
איז ער דערוואָרגן געוואָרן.
כ'האָב געחלומט פון ווייַן און פון ווייבער
בין איך אָנגעקומען אין לאַנד פון אופיר.

ח.

אַ בלאָע שויב שפּיגלט אין דער וואַנט פון מיין שטוב.
שפּיגלט טאָג ווי נאַכט פאַר מיר.
קום איך נאָר אַהיים
באַגעגנט מיך אַ בלאָער שטראַל,
וואָס לייגט זיך פאַר מיינע פיס
און הילט מיך אין בלאָען איין.
און דאַן,
נעמט אַ בלאָער עטער ווייען אין מיין שטוב,
און ער פלעכט פאַר מיינע געדאַנקען בלאָע נעצן.
רו איך אָפּ אין בלאָע מינוטן.

ט.

גאָלט זיך דער מח מיינער,
ווי זיין שאַרבן וואָלט שוין ליגן אין דער ערד.

פיל איך דעם ערד־גערוך אין מיינע ביינער.
בין איך באהאפטן מיט מיין ווייטע־ווייטע צוקונפט,
ווען מיינע ביינער וועלן זיין טרוקן
און ס׳פלייש וועט פון מיר זיין צערונען.
טראָג איך מיין מיסיע,
וואָס דער ערשטער אַטאָם האָט פאַר מיר באַשטימט
און וואַרט מיט געדולד
אַף מיין אין־סופיקייט.

י.

שטייט אַ פרוי
מיט נאַקעטע, געזונטע בריסט
באַם בעט צובעטן.
און דרויסן,
אין דער גליאיקער היץ,
לעכצן, טאַמלען זייג־קינדער
נאָך אַ טראָפּן מילעך.

יא.

אַהאַ, די זון האָט זיך אָנגעקליידט
מיט פורפּער און אין גאָלד.
צעטאַנצן זיך די פאַלבן פון איר קלייד
אין די ווינקלען פון מיין שטוב.
ווערט פריילעך אין מיינע דלד אמות:
רויטע, בלאָע, גרינע צויטנס
שעמירירן
אין האָקוס פּאָקוס קונצן.

שפּריִיט איך אויס די הענט
און גיי אַ רקוד
מיט דער זון אין מײַן שטוב.

יב.

כ׳האָב היינט געצויגן אין הוט פאַר אַ ניגער
און טיף זיך פאַר אים געבוקט.
און לאַנג דערנאָך
האָט אין מיר געוואַכט — האַמאַ
און מיר מײַנע געבליטן אָנגעצונדן
צום אייביקן ליכט.
און איך האָב דערזען פעלדער,
וואו אויף זיי איז אפגעגאַנגען דאָס געוויקס
פון די פאַרבן
רויט-שוואַרץ-ווייס
מיט אַן אייביקער זון באַלויכטן.

יג.

ציט זיך אַ רעגנבויגן פאַר מײַנע אויגן
און נידערט אויף דער ערד אַראָפּ,
ווי אַ לאָקאָן
פאַר מײַנע פיס
און וויקלט מיך איין
אין פאַרביק-עלאַסטישן לאַבירינט.

יד.

ווערט אין מיר געבוירן ס׳געלעכטער,
ווי א ברעג פון דער דרום-זון.
לאכן מיינע געבליטן דער וועלט אנטקעגן —
קייקלט זיך מיין געלעכטער אין דער ערדס שוים.
כאפן עס,
ס׳געלעכטער,
די ים-וועלן אף,
שיפלען זיך מיט אים,
ווי מיט א ים-טאכטער.
ווערן די ימען דערפרייט :
א מענטשנס געלעכטער טוליעט זיך אף זייערע בריסט.

יח.

כ׳שווים צווישן
מיינע הענגל-גערטנער.
העי, מיין וועג איז פריי,
ווי דער ווינט
אין זיין גאנג.
און מיינע גערטנער
בליען.
כ׳שווים
און איבער מיין קאפ
פלאצן הענגלעך ווייַן —
צוואגן זיך מיינע קודלעס

אין טרויבן־קוואַלן.
כ׳שווים.
אין מײַנע גערטנער
וויגן זיך, וויגן זיך
אויף דער שטאַרקער ברוסט
פון מײַן אַכטאונצוואַנציק יעריקער עלטער.

יו.

באַווײַזט זיך מיר אַ פענצטערל אין הימל —
דאָס גליק,
און באַלד פאַרשווינדט עס.
טראָג איך דאָ
האָפענונג־קליידער
און דאָ —
אַבל־קליידער.
בין איך באַלד
מיט מײַן כּאַמען
און שוין —
מיט מײַן טויט.
פריי איך זיך מיט מײַן דאָזיין
באַלד טרויער איך אויף מײַן געבורט.

יז.

טראָגן זיך וואָלקנס אויף מײַן וועג
און פאַרשפּאַרן מיט דעם דורכגאַנג צום דערהייבעניש.

פרואוו איך פליען
איבער די וואָלקנס —
פאַרביינקט זיך מיר צו דער ערד
פויזע איך אויף אַלע פיר
פאַר די וואָלקנס
אויף מיין וועג.

יח.

מיין ערד
איז באַלויכטן
מיט אַ טונעלן ליכט —
דראפּע איך זיך
צום פּיטשנקעלע ליכט —
איז מיין האַנט קורץ —
פאַל איך צוריק.
ליג איך מיט פאַרבלאָנעטע אויגן
אין מיין טריבע וועלט.

יט.

שטייט אַ טיר אָפן
פאַר מיר —
זוך איך און זוך
און געפין נישט די טיר.
בלאָנדזשע איך
מיט אויסגערינענע אויגן.

פאַלן מיינע טרערן,
אַן שפּור,
אױף װעגן קרומע.

כ.

גײ איך פאַרבײ מײן טיר,
בין איך נישט דרייסט אַנצוקלאַפּן —
פאַלן מײנע הענט
פאַרבראָכענע אױף מײן ברוסט.
װינקט צו מיר ס׳גליק,
אױף אַ שפּאַן פון װײטנס.
פאַל איך אױף מײנע קניען
און בײס זיך די פינגער אָפּ.

כא.

כ׳האָב געזוכט
אין האַרצנס לאַבירינט
דעם שאָטן
פון מײן טרױם —
געפונען האָב איך
אַ נעסט פון שלאַנגען.

כב.

כ׳האָב געטאַנצט
אַן עקזאָטישן טאַנץ
אױף די ברעטער
פון מײן געװיסן.

און געפאַלן בין איך
אין ווירבלדיקן אָפּגרונט.

כג.

כ׳שליַיף די בערג
און מאַך מיר פּאַלייען
פון די גראַניטן.
צי אַריַין דעם הימל
אַלס דאַך־און־פענצטער
און זעץ מיך אַריַין
און זינג מיַינע לידער.

כד.

כ׳האָב היַינט געחלומט
ס׳באַפאַלט מיך —
מיך אַ נאַקעטן
אַ משוגענע
און צעביַיסט מיר ס׳לײַב
פאַר קושן.
און מיט וואונדן,
פון גליק,
האָב איך שפּעטער שפּאַצירט אין די גאַסן.

כה.

ריַיך קינד!
אוצרות גאָלד
ליגן דאָך אױף דיַין קאָפּ.

און איך ווײס נישט
צו דו ביזט גליקלעך —
גאָט, מאַך, דײַן כרוב זאָל זײַן גליקלעך.
טײַער קינד,
ס'גיבן דאָך אַזױ װײניק גליקלעכע מענטשן אױף דער װעלט.
איך בין אַמאָל געװען גליקלעך,
קוש איך און לױב
יעדע מינוט, װאָס איז פאַרבײַ.
װי װאָלט איך געװאָלט
אַז אַלע מענטשן זאָלן זײַן גליקלעך
און דו זאָלסט זײַן צװישן זײ.
ביזט דאָך אַזאַ גליק-צוזאָגענדיקע
האָסט דאָך אַזױ פיל פּאַליעס גאָלד אױף דײַן קאָפּ.

כו.

צוקונפט!
זון-געלאָקטער כרוב!
קלאַפּסט מיט דײַנע פליגלען
אָנם טורעם פון מײַן פאַרלאָשענע פרײד,
װעקסט מײַן שלאָף.
און איך,
געקניט
שטײ פאַר דײַן העלן טאָג
און בלאָע נאַכט.

כז.

װער איך אומרואיק —
לאָז איך אַרױס מײַנע װײַסע טױבן,

פון מיין פארזיגלטן טורעם,
אף דער דערשראָקענער וועלט.
שוועבן זיי אין בהלהשע זיג־זאַגן
און קומען צוריק מיט לאָמע פליגלען.

כח.

קום —
איך שטיי פאַר מיין אַנטאַרטונג:
איך בליק אין דעם תהום,
וואו טויט און לעבן ראַנגלען —
שפּרייט אויס דיינע אָרעמס —
פאַרהויל מיך.
קום —
איך שטיי פאַר מיין אונטערגאַנג:
איך בליק אין דעם קאָן,
וואו ליבע און תאווה קעמפן. —
מאַך פריי דיין שויס —
פאַרבאָרג מיך.
קום —
איך שטיי פאַר מיין סוף:
איך בליק אין דער אייביקייט,
וואו אָנהייב און ענד וויברירן —
אַנטפּלעק דיין ברוסט —
רעטע מיך.

כט.

אין טעג פון מיין פּיין —
ווען מיין הארץ אין וואָן גייט אויס

קעגן צאַנק —
פון שטערן אין ווייטן,
וואָס זיך לעשט און לייכט
אין הימל פון מיין זיין
מוזטו, אומשולדיקע,
פאַרגעבן מיר —
נישט פאַר דיר שלאָגט דאָן מיין האַרץ.

ל.

אַ ליכט־שטראַל
האָב איך אַף מיין פינצטערן וועג באַגעגנט —
אָ, גאָט, היט און באַשיץ אים.
ס׳איז מיין קינד,
פון נעכט פול צעריקע
און אויסגעוויינטס.
ס׳איז מיין עובר,
וואָס שפּראָצט אַף די פעלדער
פון מיין אונטערגאַנג
און לייגט מיר דעם זוים,
פון גאָטס מאַנטל
פאַר מיינע פּים.
אָ, גאָט, היט און באַשיץ אים

לא.

אַזויפיל זונען־פּים.
אַזויפיל זונען־לייבער.
און דאָס וואסער,
בלאַנק,
זייגט אין זיך אריין
דאָס קלאָרקייט
פון אַזויפיל זונען.
פון אַזויפיל זונען.
און איך,
מיט אַ קלאָר אויג,
שלינג דעם קלאָרן פייער
פון אַזויפיל זונען.
פון אַזויפיל זונען.

לב.

איז אַ פלעק אויף דער וואַנט פון מיין שטוב,
א מין היראָגליפישע נאָז.
שרעק איך זיך, ווי אַ קינד
און קלוג זיך, ווי אַן אַלטער.
קום איך נאָר אַהיים
וואַקסט פאַר מיר אויס
אַ פנים פון אַן אַשור
מיט אַ געקעסטלטע באָרד
און קוביסטישע אויגן —
שרעקט עס מיך.

נעמען באַלד פאַר מיר לעבן מיינע אבות
אין בערגיקע היילן
מיט בראַנזענע רייט וועגענער —
קלוג איך זיך.

לג.

ווען וועט זיך אויסהיילן די וואונד פון מיין גוף,
וואָס איך טראָג בירושה
פון דורות צוריק אין מיין בלוט?
זיינען די זיידעס איך?
בין איך די זיידעס?
ציט זיך זייער בלוט —
אַ קוואַל
אין מיין הארץ?
בין איך פארקניפּט
מיט דער נאָפּלשנור
פון זייער געבורט?
בין איך פארשאָלטן
צו טראָגן דעם אייטער,
פון זייער זינד,
אין מיינע ביינער?
אַ, גאָט, ענטפער מיר!

לד.

ווער ביזטו?
אַ ווינט אין וואָלקן?

אַ שטראַל אין בלוט?
כ'האָב דיך שוין לאַנג געזען.
און ווי אָרים איז מיין רייכטום:
אַט מישטו זיך אוים
אין געדריי פון מענטשן
און פארשווינדסט,
ווי אַ בלעזל אפן ים.
ווער ביזטו?
אַ ווינט אין וואָלקן?
אַ שטראַל אין בלוט?

לח.

אַט האָב איך זיי —
טויזנטער כלות.
אַף די טראַמווייען
אין די גאסן.
אומעטום האָב איך זיי.
זיי,
די רייצנדיקע מיידן
מיט ווייסע בריסטן,
שלאַנקע פים
און גלאַטע פנימער.
זיי,
די פארזיסונגען
פון אומעטיקע מינוטן.

לו.

אַלע טאָג פֿאַרליר איך ס׳גליק.
און אַלע טאָג געפֿין איך עס.
און עס גייט אָן צווישן מיר און ס׳גליק
אַ קינקל־דעמינקל שפּיל:
אַט האָב איך עס.
אַט פֿאַרליר איך עס.
דאָ לייג איך זיך מיט אַ פּולער ברוסט
און שטיי אַף מיט אַ לער האַרץ.
אַט לייג איך זיך אין אַ שפּעדיק בעט
און נידער אַראָפּ פֿון אַ שפּלדיק געלעגער.

לז.

גליט דאָס גליק
בא דיר אין לייב
און דורך צענדליקער זונען
ווערט עס געוואַרעמט.
דיין אויסטראַגעכץ —
פֿאַר דער וועלט.
און דורך צענדליקער וועלטן
ווערט עס געליטערט.
אונזער לעבן —
פֿאַר דער וועלט. — — —
און איך ליג מיט מיין אויער
בא דער שוועל פֿון געבורט

און הער זיך צו
צו די טיק־טאקן
פון דיין מוטער־הארץ.

לח.

כ׳בין אַ זאַק מיט זוימען
און אַף וועלכן פעלד כ׳גיי
וואַרף איך זיי.
באַפרוכט איך שטיקער ערד.
בין איך א מאַנסטער
מיט טויזנטער הענט —
צי איך זיך מיט מיינע אָרגאַנען
צו זוניקע טורעמס.

לט.

נעכט מיינע, וואו זיינט איר?
נאָר שאָטנס בלאַסע
געפין איך אייערע.
נעכט, פון מיין גרויסע ליבע!
ווען גאָט האָט אין אייך געאָטעמט
מיט זיין פייער.
נעכט, פון מיין גרויסע ליבע!
ווען די ערד האָט איר ברוסט
צום הימל דערלאַנגט.
נעכט, פון מיין גרויסע ליבע!
ווען איך האָב זיך דערפילט
אין פלאמען־מאנטל פון גאָט.

נעכט, פון מיין גרויסע ליבע!
ווען מיינע וועלטן האָבן זיך צוזאמענגעגאָסן
אין אַן אייביקן הימן.
נעכט, מיינע, וואו זיינט איר?!

מ.

כ׳שטיי פון וועיטנס פון מיינע דור־געגאָסן.
נישט כ׳נעם א טענצל אין זייער ראָד.
כ׳בין נאָך נישט באזאָפן פונם חוזק מאכער תאוה.
כ׳האָב נאָך נישט מיינע ליפּן איינגעטונקט אין צעפּוילונג
פון עיפּוש.
כ׳האָב נאָך נישט מיינע ביינער דורכגעגליט אינם קאלעך־
אויוון פון זינד.
כ׳האָב נאָך נישט מיין בלוט אָנגעפארבט אָנם רויטוויין
פון שאַנד.
כ׳האָב נאָך נישט מיינע געדאנקן געלאָזט זינקען אינם
גיהנום פון ירידה
כ׳בין גאַנץ!